STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10827

TSUZAMEN GEKEMFT, TSUZAMEN GEFALN

Y. Albinski

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. אַרבינסקי

צוזאַמען געקעמפט
צוזאַמען געפאַלן

צום אנדענק פון א יידישער
פאַרטיזאַנער-גרופּע

[illegible] נאָך [illegible] דערמאָנונג [illegible]
אונזערע ברידער וואָס מיר האָבן
צוזאַמען געאַרבעט און [illegible]
[illegible]
[illegible]

לעבן איז נישט אטעמען — נאר טאט.

זש. זש. רוסא.

ווייכמאַן, פּאָטאַשניק, מאָשקע ראָזענצווייג — דער שטאָלץ פון אונזער פאָלק

דעם 9־טן סעפטעמבער 1943, 5 אזייגער פארטאג האבן די קוילן פון א נאצישן עקזעקוציע־פלאטאן אפגעשטעלט דאס לעבן פון דריי יידישע פארטיזאנער.

דריי הערצער האבן אויפגעהערט אויף שטענדיק צו קלאפן. הערצער פעסטע, פארהארטעוועטע, אנגעפילטע מיט האס און סינע צו איין וועלט, מיט יוישער און פרידן צו א צווייטער וועלט. זייער אימפולסיוו לעבן איז נישט שוואכער געווארן אין די שווערסטע צייטן און אויך נישט אין די הענט פון דער געשטאפא. און דאס דערפאר, ווייל זיי האבן נישט געצווייפלט אין זייער זאך, אין זייער שוווע.

דער סוינע האט עס געפילט און געזען, אז די דריי פארטיזאנער־הערצער וועלן זיך אליין נישט איינברעכן, אויף קיין האר נישט שוואכער ווערן, אפילע נישט דורך 10 יאר שווערע טפיסע. וואס ער האט זיי אין אנהויב געהאט צוגעפאסקנט (מעגלעך, אז די ריכטער אליין האבן שוין געצווייפלט צי זייער „גערעכטיקייט" וועט אויסהאלטן נאך 10 יאר...) און באשלאסן מיט א ראדיקאל מיטל זייער לעבן איבערצוהאקן.

דעם זעלבן 9־טן סעפטעמבער, 5 פארטאג איז צו דעם יידישן פאבריקאנט ווילענסקי זיכער נישט דערגאנגען די ביקסן־שיסעריי פון „טיר־נאציאנאל". ער איז זיך געשמאק געשלאפן, און אויב נישט געשלאפן, האט ער געטראכט ווי אזוי נאך רייכער צו ווערן, גע־ציילט זיין פארמעגן, געכעשבנט און דערביי פון קאס געביסן מיט די ליפן, נישט כאלילע פון דעם, וואס ער האט דריי יידן געשיקט צום טויט, אויסליפערנדיק זיי אין די הענט פון דער גע־שטאפא, נאר ווייל ס׳מאכט אים שוין אויס באלד מער, ווייל שוין 8־9 מאנאטן ווי ער מוז צאלן א וואך, וועלכע זאל אים היטן ביי־נאכט און בייטאג, ווייל ער קען נישט אויסשטעלן בלויז אויף די אלע מאסמיטלען ווי די עלעקטרישע סיגנאלן, באריקאדן פאר זיין טיר א.א.וו.

דער דאזיקער יידישער פאבריקאנט וואלט פון קרענקונג זיך איבערגעדרייט אין זיין קייווער, ווען ער וויסט, אז ער וואלט גע־קענט האבן א האלבן מיליאן פראנק אויף צו „דעקן די שפייזן"... א האלבער מיליאן פראנק, וואס איז געווען באשטימט פון דער געשטאפא פאר די דריי פארטיזאנער־קעפ, וועלכע האבן מיט א צייט פריער געהאט ליקווידירט א וויכטיק געשטאפא־פארל.

די דאזיקע פאטאלאגישע פארברעכערישע נאטור פון די ווי־לענסקים שטאמט פון א באשטימטן שיכט, א שיכט, וואס איז געווען דער ערשטער צו פאראטן זיין פאלק, דינענדיק דעם אקו־פאנט, א שיכט, פאר וועמען דער גאנצער לעבנס־אינהאלט איז — געיעג נאך רייכטום, פאר וועמען די איינציקע רעאלע ליכט, איז די ליכט פון די בריליאנטענע שטיינדלעך.

אבער ווי איז צו די הערצער, וועלכע קלאפן אזוי לאנג, ווי לאנג זיי פילן אין בוזעם־קעשענע דעם טייסטער...

דאס טראגישע יידישע לעבן פון די לעצטע מילכאמע־יארן האט אינז געוויזן אין זיין גאנצער נאקעטקייט דאס לעבן און מאראל פון די דאזיקע געלט־שקלאפן. ווי נאר מען האט זיי איבערגעטאן אין געשטרייפטע מאלבושים אין אוישוויץ, מיידאנעק א.אנד. אזוי האט זייער לעבן גענומען אליין אונטערגיין, נישט פון מענטשלעכן

פֿײַן און לײדן, נאָך פֿון אַגמעס־נעפּעש און זאָרג פֿאַר זײערע אײנגעגראָבענע פֿאַרמעגנס אין די קעלערן פֿון בריסל, פּאַריז א. א.וו. דאָס איז די מאָראַלישע ווערט פֿון די ווילענסקיס.

און, נעבעכדיק האָט דער נעפּעש אויסגעזען אין די הענט פֿון די פּאַרטיזאַנער. מעגלעך, אַז אין דער לעצטער מינוט האָט נאָך זײַן פֿאַרברעכערישער מויעך געכעשבנט צי עס מאַכט אים אויס ביליקער... ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט — די האַנט פֿון גערעכטיקייט האָט אים דערגרייכט. דעם כעשבן האָבן אַנדערע געמאַכט, די, וועלכע האָבן געשווירן דעם כעשבן צו מאַכן פֿאַר זײערע הרוגי קאַמפּס־ברידער, און די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געהאַלטן וואָרט.

אויף דער יידישער גאַס וועט דער נאָמען ווילענסקי, ווערן דער סינאָנים פֿון דעם עקלהאַפֿטסטן נעפּעש, וואָס דאָס יידישע פֿאָלק האָט ווען אַרויסגעגעבן. אַן אויסוואורף, וואָס האָט דריי יידן אומגעבראַכט, דריי בעסטע זין פֿון יידישן פֿאָלק.

די באַרקויפֿטע פּאַשיסטישע פּרעסע פֿון בריסל האָט זיך דערמאָלט צעשמירט, וועלנדיק פֿאָרשטעלן די דאָזיקע דריי פּאַרטיזאַנער פֿאַר גאַנץ געוויינלעכע גאַנגסטער־טעראָריסטן. אָבער דאָס לידל איז צו יענער צייט געווען שוין צו פּאָפּולער און צו אָפט האָט די נאַצישע פּרעסע דאָס געמוזט זינגען, פֿאָרשטעלן פּאַטריאָטן פֿאַר אַזוי גערופֿענע „גאַנגסטער־טעראָריסטן“, אַז די עפֿנטלעכע בעלגישע מיינונג זאָל אין דעם גלויבן.

דאַקעגן האָט די געשטאַפּאָ אַליין אָרגאַניזירט איבערן לאַנד באַנדיטן־איבערפֿאַלן, וועלכע האָבן געהאַט פֿאַר אַ ציל אַרונטערצורייסן און קאָמפּראָמיטירן דעם באַוואָפֿנטן פּאַטריאָטישן קאַמף. אַן אַלט פּאָליציייאיש שפּיצל...

פֿאַר דער יידישער עפֿנטלעכקייט זענען די דריי נעמען געווען זייער גוט באַקאַנט. די יעדיע וועגן זייער טויט האָט אין דעם דעמאָלסטיקן אומלעגאַלן און אין בלוט־אָפּגייענדיקן יידישן יישעוו, אַרויסגערופֿן אַ גרויסן טרויער און נאָכמער פֿאַרטיפֿט דעם דראַנג צו נעקאָמע.

די דריי נעמען האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דריי געשטאַלטן מיט באַזונדערע ווערטפולע אייגנשאַפטן. דריי פאַרשידענע כאַראַקטערן. דאָך, אין א געוויסן מאָמענט פון זייער לעבן האָבן זיי זיך דערנענטערט, איינגעלעבט דורך זייער בעשוטפעסדיקער שפּראַך, די שפּראַך פון געווער, פון באַוואָפנטן קאַמף. זיי האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין מאַרמאָר־פעסטער, אומצערייסבאַרער געשטאַלט, באַקרוינט מיטן נאָמען „פּאַרטיזאַן".

אַלע דריי צוזאַמענגענומען, האָבן אויסגעדריקט און אָפּגעשפּיגלט דעם וועזן און גייסט פון די יידישע פּאַרטיזאַנער־קויכעס אין דעם אַלגעמיינעם באַוואָפנטן קאַמף פון בעלגישן פאָלק קעגן דעם היטלעריסטישן אָקופּאַנט. די יידישע פּאַרטיזאַנער־קויכעס האָבן אַרויסגערופן ביי זייערע בעלגישע וואָפן־ברידער רעספּעקט און אָנערקענונג. און דאָס אַ דאַנק זייער איבערגעגעבנקייט, איניציאַטיוו און אַקשאָנעס.

דער העראָיזם און די אויפטוען פון די יידישע פּאַרטיזאַנער אין בעלגיע ווי אין פראַנקרייך, אין פּוילן ווי אין ראַטן־פאַרבאַנד איז געווען דער בעסטער ענטפער אויף די נאַציסטישע ראַסיסטישע טעאָריעס וועגן דער א. ג. „מינדערווערטיקייט" פון יידישן פאָלק.

קעדיי צו באַנעמען טיפער די גרויסקייט פון אונזערע דריי פיגורן איז נויטיק צו וואַרפן א בליק אויף זייער לעבנס־וועג, דורך וואַנען זיי זענען געקומען צו אַט דער מענטשלעכער הויך.

און פאַרשידנאַרטיק באַזונדער זענען געווען זייערע וועגן.

סאַם פּאָטאַשניק

שטאַמט פֿון אַ פֿאַרמעגלעכער פֿאַמיליע. ער קריגט אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציִונג. אין די יוגנט־יאָרן נעמט ער אָנטייל אין דער נאַציאָנאַלער ציאָניסטישער באַוועגונג. ערשט שפּעטער, אין די סטודענטן־יאָרן, באַקענט ער זיך מיט דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור, מיט וועמענס טעאָריעס ער נעמט זיך איבער און ווערט איר הייסער אָנהענגער.

דאָ, אין בעלגיע, אויף דער עמיגראַציע, אַרבעט ער אין אַ ריי מאַסקסיסטישע זשורנאַלן און ווערט אַ מאַרקסיסטישער פּראָפּאַגאַנדיסט. ער מאַכט פֿון זיין וועלט־אַנשויונג פּראַקטישע אויספֿירונגען און פֿאַרבינדט זיך מיט דער פּראָגרעסיווער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, וווּ ער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין אירע טאָגטעגלעכע זאָרגן.

פֿיל יאָרן איז סאַם פּאָטאַשניק געווען איינער פֿון די גייסטיקע שפּייזער פֿאַרן יידישן יישעוו אין בעלגיע. קעדיי צו דערהייבן, צו דערציען קולטורעל די יידישע פֿאָלקס־מאַסן, האָט ער ניט געשפּאַרט זיין צייט און קויכעס. ער איז געווען דער אינטעלעקטועלער, וועלכער האָט זיין דעראָבערט וויסן געשטעלט צום דינסט פֿון די אָפּגעשטאַנענע פֿאָלקס־שיכטן. ער האָט עס געטאָן מיט איבערגעגעבנקייט און ענטוזיאַזם.

ס'קומען די יאָרן פֿון דער שרעקלעכער דייטשער אָקופּאַציע. דאָס גאַנצע יידישע לעבן ווערט צעטרייסלט. דער סוינע גרייפֿט אָן אומבעראַכמאָנעסדיק. די אַלטע קאַמפּס־מעטאָדן זענען שוין צו שוואַך קעגן סוינע. אויף פֿייער דאַרף מען ענטפֿערן מיט פֿייער.

עס וואַקסט אויס די פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין לאַנד.

אַ באַוועגונג, וואָס האָט אין זיך אַריינגעשלונגען מענטשן פֿון אַלע שיכטן, פֿון אַלע ריכטונגען און פֿון אַלע נאַציעס.



פאטאשניק

.1909־1943

אויך די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך אָפּגערופן וואַרעם אויף דער אַנטשטייונג פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע אין בעלגיע. די ערשטע יידישע גרופן זענען באַשטאַנען פון דעם וויכטיקסטן עליטע־עלעמענט פון דער יידישער געזעלשאַפט.

די יידישע פּאַרטיזאַנער האָבן געבילדעט, ספּעציעל אין בריסל, אַן אַנזעעוודיקן קויעד אין דער אַלגעמיינער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג אין לאַנד.

צו אונזער סאַם דערגייען די אָפּקלאַנגען פון דער דאָזיקער באַוועגונג. ער זיצט פאַרטראַכט, נעמט איין בוך, צוויי, דריי — ער געפינט נישט אין ערגעץ קיין באַפרידיקונג, אַפילו נישט אין דער אונטערערדישער אַנטי־נאַצישער טעטיקייט. ער האָט נישט קיין רו, נאָר ער וואַגט נישט. ס׳איז אים שווער זיך צו דעצידירן. נישט צוליב זיין פרוי און קינדער. ער האָט לאַנג געטראַכט, זיך אַרומגעזען: ניין, נישט קיין בוך, נישט קיין פּראָפּאַגאַנדע שטילט מיין דורשט. דער סינע איז ברוטאַל, בלוט־דורשטיק, די וועלט פון קאַרבאַנעס וואַקסט פון שאָ צו שאָ. מ׳דאַרף ענטפערן מיט אַן ענטפער, וואָס גיט צו פילן...

אָבער ס׳איז שווער. סאַמס געדאַנקען האָבן זיך פאַרהאַלטן אויפן קינד און אויף דער פרוי, וואָס האָט זיך דעמאָלט געפינען אין אַנדערע אומשטענדן. ער האָט געטראַכט: צי בין איך אין אָרדענונג מיט מיין פאָטערלעכער פליכט?... און פון דער צווייטער זייט: אין די איצטיקע פאַרהעלטענישן, אין מיין איצטיקער אַנטי־פאַשיסטישער טעטיקייט קען איך דען פאַרזיכערן מיינע קינדער צו זיין צו זיי אַ טאַטע ?...

די שטים פון געפייניקטע פעלקער און קלאַסן נאָך נעקאָמע פאַר מענטשלעכן יווישער און פרידן האָט פאַרהילכט אַלע שטימען, אַריינגערעכנט שוין די שטים פון דער „פאַמיליע־פליכט".

די שטים האָט אים אַ הייב געטאָן פון פאָטעל: ס׳איז אַ צייט פון וואַגן !...

אונזער סאַם פּאָטאַשניק האָט אַרומגענומען זיין פרוי, אונזער פריינדין לאָלאַ, פאַר וועמען די אַנטי־היטלעריסטישע באַוועגונג איז

אויך נישט פרעמד געווען, און צו איר געזאָגט: „איך קען נישט מער... עס רייסט מיך צו מאַמאַשעסדיקע מאָטן... איך גלויב, אַז דו פאַרשטייסט מיך. אויך מיינע קינדער וועלן מיך פאַרשטיין..." און די דעציזיע איז געפאַלן — ער איז אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער.

ווען סאַמס וואַנדערונג איז אָנגעקומען צום קאָמאַנדאַנט פון דער יידישער פּאַרטיזאַנער-קאָמפּאַניע, האָט דער לעצטער געזאָגט צו זיין אַדיוטאַנט: „וועסט פרעגן סאַמען, צי ער האָט גוט איבערגע-טראַכט, איידער ער האָט זיין דעציזיע גענומען".

ווייל סאַם פּאַטאַשניק איז געווען באַקאַנט אַלס מענטש, וועלכער האָט ליב געהאַט אַלץ, וואָס איז שיין: קולטור, קונסט, ספּאָרט. מיט איין וואָרט — ער האָט ליב געהאַט אין דער גאַנצער ברייט צו געניסן פון לעבן. העריבער איז זיין וואַנדערונג צו די פּאַרטיזאַנער געווען אַ סיורפּריז פאַר די, וואָס האָבן אים נענטער געקענט.

מ'האָט געטראַכט: צי וועט זיין כאַראַקטער אַנטשפּרעכן זיינע נייע קאַמפּס-אויפגאַבן? די פּאַרטיזאַנער-באַוועגונג איז דאָך געווען אַן אייגנאַרטיקע באַוועגונג. זי האָט געפאָדערט אַ ספּעציעלן טיפּ פון מענטשן, אַ טיפּ, וואָס טראַכט נישט וועגן קיין עסטעטיק און מאָ-ראַל, ווען ער האַלט דעם פינגער אויפן צינגל פון רעוואָלווער...

די צייט האָט אָבער געשריגן, זי האָט געמאָנט...

די געשרייען האָבן זיך אַריינגעריסן, נישט נאָר אין די רוסישע פאַבריקן און מאָביליזירט די אַרבעטער-וועלט, נאָר אויך אין די רוסישע לאַבאָראַטאָריעס, אוניווערסיטעטן, מיטגעריסן אַ גיליסעס, אַ ד"ר גוטשמיד, די ברידער ליפּשיץ א.אַנד.

מענטשן, הערצוויטענע אין אַ פרידלעכער אַטמאָספער מענטשן, וואָס האָבן זיך געדאַרפט אויסלערנען האַסן דעם סוינע און באַגרייפן דעם סוינעס אַנדערש, אים שלאָגן מיט אַנדערע אַרגומענטן, מיט פייערדיקע... נישט לייכט איז אָנגעקומען אַט־אַ דער אינטעליגענץ צו ענדערן איר פרידלעכן לעבנס-שטייגער.

...„וואָס קען איך טאָן, אַז איך האָב נאָך אין מיין לעבן קיינעם קיין פּאַטש נישט געגעבן, זאָל איך היינט קענען וועמען שיסן"...

איז אויסגעקומען פון איר צו הערן. און דאס איז דער ריכטיקער אויסדרוק פון איר פרידלעכער נאטור.

דאך, ווען דער פאשיזם האט געוויזן זיין גאנצע נאקעטקייט און דאס לאנד איז געלעגן אונטער דעם זעלנערישן שטיוול, האט די אינטעלעקטועלע וועלט נישט געקענט זיך באגנוגענען בלויז מיט הומאניטארע דעקלאראציעס און זי האט זיך א ריס געטאן צום טאט.

אין טייל צום א.ג. פאסיוון ווידערשטאנד, וואס איז, אגעוו, געווען ווייט פון פאסיוויטעט, וואס האט געהאט נישט קיין קליינע ווירקונג אויפן אנטי־פאשיסטישן קאמף — און דא איז ווערט צו דערמאנען ספעציעל דער ווידערשטאנד פון די פראפעסארן פון בריסעלער אוניווערסיטעט — און דער צווייטער — צום געווער.

נישט באגרינדעט האט זיך ארויסגעוויזן די צווייפלונג אין דער צוגעפאסטקייט פון סאמס נאטור צו אט דער ארבעט. די קאמענדאנטן זיינע האבן אים קיינמאל נישט געהאט עפעס פארצווארפן. פארקערט, ער האט זיך געריסן צו אקציעס, און ס'איז פאר אים געווען די גרעסטע פרייד, ווען מ'האט אים צוגעטיילט צו אן אקציע. אלס אינטעלעקטועלער, זייענדיק צוגעווינט צו אן אנדער לעבן, האט ער אליין געטאן, קעדיי זיך צוצופאסן צו די נייע קאמפס־פארמען. שנעל לערנט ער זיך אויס אומגיין מיט א רעוואלווער, דינאמיט א.ד.גל. די מיסיעס, וועלכע מ'האט אים אנפארטרויט זענען אדורכגעפירט געווארן מיט דער גרעסטער פינקטלעכקייט און פאראנטווארטלעכקייט.

אונזער סאם האט ווייט נישט געהערט צו דער אינטעליגענץ, צו וועלכער ס'איז „שווער צוצוקומען” און אפט איבערגעטריבן פרעטענציעל... אין זיין „דעטאשמאן”, טראץ דעם אונטערשיד אין קולטור און אין יארן, האט ער זיך זייער כאווריש איינגעלעבט מיט זיינע קאמפס־כאווירים ווייכמאן און מאשקע, מיט וועמען ער האט צוזאמען געקעמפט און צוזאמען געפאלן, געפאלן מיטן בולסטן גלויבן אין זיין זאך. ער האט נישט געצווייפלט ביים לעבן, ווי אויך נישט נאענט פארן טויט.

דער דאָזיקער גלויבן קומט אַמבוילעטסטן צום אויסדרוק אין דעם לעצטן בריוו צו זיין פרוי:

...„ווען די קינדער ווען זיין אין די יאָרן פון פאַרשטיין, קלער זיי אויף, פאַרוואָס איך בין געפאַלן...״

...„וועסט שפּעטער זאָגן די קינדער, אַז זייער פאָטער איז גע-גאַנגען מוטיק צום טויט און, אַז מיין טויט דאַרף זיי דינען פאַר אַ ביישפּיל, פאַר אַ וועגווייזער אין זייער לעבן...״

...„דו ווייסט זייער גוט, אַז איך האָב אַנדערש נישט געקענט טאָן...״

ווען זיין פרוי און אונזער פריינדין לאָלאַ, האָט דערהאַלטן דעם בריוו, האָט זי געשריבן צו אירע פריינט: „סאַם האָט געהאַט מוט צום לעבן און אויך מוט צום שטאַרבן...״

יאָ, ריכטיק. טאַקע די, וועלכע האָבן מוט צום לעבן, קענען אַזוי מוטיק שטאַרבן.

אַדאָלף ווייכמאַן

דער צווייטער קעמפער און פּאַרטיזאַן אַדאָלף ווייכמאַן איז שוין געווען פון אַן אַנדער שניט. אויב סאַם פּאַטאַשניק איז געקומען צו דער פּאַרטיזאַנער־באַוועגונג באַוואָפנט מיט וויסן, טעאָריע, איז אַדאָלף ווייכמאַן געקומען באַוואָפנט מיט דער פּראַקטיק פון האַרטן לעבן פון אַ יידישן פּראָלעטאַריער.

ווי אַנדערע פּראָלעטאַרישע קינדער, איז ער געצוווּנגען צו גיין אַרבעטן צו 13 יאָר. שוין אין דעם ערשטן וועלט־קריג, אַרבעטנדיק אין דייטשלאַנד אין אַ קוילן־גרוב, ווערט ער צו 14 יאָר באַשטראָפט אויף אַ יאָר טפיסע דורך דער דייטשער יוסטיץ פאַר איבעררייסן דעם אַרבעטס־קאָנטראַקט.

די דאָזיקע שווערע פיזישע אַרבעט איז זיין געטרייעסטער לעבנס־באַגלייטער. אין פאַרלויף פון 4 יאָר אַרבעט ער אין די בעלגישע קוילן־גרובן. אָבער נישט לאַנג קען ער אַנטיילנעמען אין דער פּראָדוקציע פון דער שווער־אינדוסטריע.

ער טיילט דעם גורל פון פיל אויסלענדישע אַרבעטער און ספּעציעל יידישע, וועלכע ווערן באַזייטיקט פון דער דאָזיקער אַרבעט. פיל יידישע אַרבעטער ווערן דעמאָלט געצוווּנגען צו זוכן אַרבעט ביי אַנדערע צווייגן, צו וועלכע עס איז נישט אַזוי שווער צוצוקומען, ווו מען דאַרף נישט האָבן קיין אַרבעטס־דערלויבענישן און אַנדערע פּאַפּירן, כדי צו קענען פאַרדינען אויף ברויט. אונזער אַדאָלף, וועמענס כאַראַקטעריסטישער שטריך איז פּראָדוקטיווע אַרבעט, גיט נישט באַלד אויף דעם קאַמף פאַר אַריינקריגן זיך אין דער שווער־אינדוסטריע. איצט, נאָך אַ גאַנצע ריי באַמיונגען, לויפעניש און דעמאַרשן זעט ער נישט קיין אַנדערן אויסוועג, ווי זיך צו נעמען צו די יידישע פאַכן און לערנט זיך שניידעריי. אָבער די גערע, וועלכע ער האָט אַרויסגעטראָגן פון די קוילן־גרובן, קומענדיק אין

ווייכמאַן

1899־1943.

קאַנטאַקט מיט די בעלגישע קוילן־גרעבער, איז אים שפּעטער צו־נוצגעקומען.

די סינדיקאַלע באַוועגונג פון דער באַקליידער-אינדוסטריע געפינט אין אים אַן איבערגעגעבענעם אַקטיוויסט און קעמפער פאַר אויס־בעסערן די לעבנס-באַדינגונגען פון שניידער־אַרבעטער. אויך די סאָלידאַריטעט-באַוועגונג געפינט אין אים אַ הייסן אָנהענגער און געטרייען אַקטיוויסט. ווי נאָר עס באַווייזן זיך אין בעלגיע די ערש־טע קאָרבאָנעס פון דייטשן פאַשיזם טרעפט מען שוין אונזער אַדאָלפן באַוואָרפן מיט אַרבעט פון דער יידישער סאָלידאַריטעט-אָרגאַניזאַציע, וועלכע פאַרנעמט זיך מיט טראָגן הילף די קאָרבאָנעס פון נאַציזם.

אין 1941, ווען די יידישע גאַס ווערט פאַרפּלייצט מיט די וועסטל־מאַכערס, ווענדעט ער זיין גאַנצן האַס קעגן די יידישע פאַרעטער, וועלכע, קעדיי זיך רייך צו מאַכן שטעלן זיך נישט אָפּ פאַר דינען דעם דייטשן אָקופּאַנט.

באַלאַדן מיט דעם דאָזיקן האַס געפינט ער זיך נאָך אין דעם זעלבן יאָר צווישן די כאַוויירים, וועלכע פאָרמירן די ערשטע יידישע פּאַרטיזאַנער-גרופּע. וועגן אַדאָלף וויכמאַנען איז נישט גענוג צו זאָגן, אַז ער איז געווען אַ מוטיקער קעמפער, אַ העלד א.א.וו. ס'איז אונז שוין נישט איינמאָל אויסגעקומען צו דערקלערן, אַז אַדאָלף איז געווען אַ יידישער טשאַפּאַיעוו און מיר מוזן דאָס אויך אויף ווייטער איבערכאַזערן. קעדיי צו באַצייכענען דעם עמעסן ווען פון די וויכמאַנס מוזן מיר זאָגן, אַז אויב דאָס רוסישע פאָלק האָט געגעבן אַ טשאַפּאַיעוו, איז ער געווען דער טשאַפּאַיעוו פון יידישן פאָלק.

אַדאָלף איז געווען דער באַשיידנסטער זון פון פאָלק, וועמען די צו שווערע לעבנס-באַדינגונגען האָבן נישט דערלויבט צו פאַרטיפן טעאָרעטיש זיין וועלט-אָנשויאונג. אָבער זיין גרעסטע מיילע איז געווען, וואָס ער האָט באַזיצט אַ געזונטן קלאַסן-כוש. דערמיט איז ער געווען דער ריינסטער מיטגליד און אויסדריקער פון זיין קלאַס און פאָלק. ער האָט פאַראַכטעט טיף יעדע עקספּלואַטאַציע פון

מענטש דורך מענטש. פון דאָרט שטאַמט זיין פאַרביסענער און אקשאַנעסדיקער קאַמף קעגן דעם אונטערדריקער פון דער מענטש־הייט — קעגן דעם בלוטיקן נאַציזם.

באַוואָפנט מיט אַט די מיילעס, האָט ער זיך דערהויבן צו אַ מוסטערהאַפטן קעמפער. ס'איז גענוג צו דערמאָנען זיינע ערשטע אַקציעס, מיט וואָס פאַר אַ פרייד און עקסטאַז ער האָט זיי אַדורכ־געלעבט. זיין ערשטע אַקציע איז דער סאַבאָטאַזש פון אַ פאַבריק פון מאָטאָרן צו אַוויאָנען, וואו ער מיט זיין גרופּע קריגן זיך אַריין ביינאַכט און צעשטערן די אינסטאַלאַציעס. אויף צומאָרגנס, זייענ־דיק באַהערשט פון דער פרייד פון דער ערשטער געלונגענער אַק־ציע, קען ער נישט איינשטיין ביי זיין אַרבעטס־וואַרשטאַט. ער לעשט אויס דאָס פּרעס־אייזן און דערקלערט דעם טאָג אַלס יאָם־טעוו. איך גלויב, אַז אין זיין שווער פּראָלעטאַריש לעבן האָט נאָך זיין געזיכט קיינמאָל אַזוי נישט געשיינט ווי אין יענעם טאָג.

עס איז שווער דאָ איבערצוגעבן און אַנאַליזירן די איבערלעבע־נישן און געפילן פאַר און נאָך דער ערשטער אַקציע. נאָר די, וועל־כע האָבן דאָס מיטגעמאַכט און לעבן־געבליבן, קענען ביי דער געלעגנהייט אויפלעבן אין זיך די געפילן פון זייערע ערשטע אַקציעס.

די ערשטע טריט האָט יעדער איינער פאַרשידן דורכגעלעבט, אָפּהענגיק פון אינדיווידועלן כאַראַקטער. נאָר צו די שווערסטע אינ־דיווידועלע איבערלעבענישן געהערט דער אַטענטאַט. דאָ זענען די נערוון־אָנשטרענגונגען דערגאַנגען צו דער העכסטער שטופע. ספּע־ציעל ביי דעם, וועלכער האָט געדאַרפט זיין דער ערשטער שיסער. די האָבן זייער ערשטע „אַרבעט" טיף דורכגעלעבט, די צווייטע, דריטע א.א.וו. איז שוין געגאַנגען לייכטער...

ווען מ'רעדט וועגן שיסן דערמאָנט זיך אונז אין אַ דערשיינונג, וואָס כאַראַקטעריזירט ספּעציעל די נאַטור פון יידישן פּאַרטיזאַן. אַ לענגערע צייט ביז קימאַט ענדע 1942 האָט אין דער יידישער קאָמפּאַניע עקזיסטירט אַ געזעץ, פון זיך זעלבסט געשאַפן, אַז עס איז נישט רימערלעך צו שיסן צום סוינע פון הינטן. אַלע אַטענטאַטן

דארפן אויסגעפירט ווערן, מרעפנדיק זיך אויג אויף אויג מיטן סוינע.

איצט די העכערע קאמענדאנטן האבן דאס אפגעשאפט, אויפקלערנדיק אונז, אז דער סוינע איז צו אונז אויך נישט ריטערלעך און מיר דארפן אים אויסראטן אויף אזא אויפן, ווי ס'איז אונז באקוועם און פאר אונז אמזיכערסטן.

דער דאזיקער פאקט האט פארדינט מ'זאל אים דערמאנען, ספעציעל היינט, ווען מיר ווייסן מיט וואס פאר א לייכטקייט, מיט וואס פאר א סאדיסטישע קרימינעלע מעטאדן די נאצי־פארברעכער האבן געמארדעט אומשולדיקע מענער, פרויען און קינדער. ווי זינלאז קלינגט היינט דאס ווארט: „ריטערלעכע באציונג צום סוינע", אין אנבליק פון אוישוויץ, מאידאנעק, בערגען־בעלזען א.אנד.

אדאלף וויכמאן האט נישט געקענט פריער ארויסציען די מאשין פון קעשענע, ביז וואנען ער האט נישט געשליידערט יענעם אין פארצעף אריין דאס ווארט: „פארברעכער". אזוי האט ער אויך געהאנדלט מיטן געפערלעכן געשטאפא־פארל, ווען ער האט זיך אריינגעקריגן אין זייער וווינונג, איבערגעטאן אלס גאז־עלעקטריעקאנטראלער און זיי ליקווידירט.

אדאלף האט דארט ארויסגעוויזן די גרעסטע קאלטבלוטיקייט, וואס א מענטש קען באווייזן. עס האט נישט געהאלפן דער האלבער מיליאן פראנק, וואס די געשטאפא האט געהאט באשטימט פאר זיין קאפ. ער גיט זיך נישט קיין וואקל. עטלעכע טעג שפעטער פירט ער שוין זיין גרופע אויף א צווייטער אקציע. דאס מאל אפצורוימען א ידישן מאסער און אויך דאס געלונגט אים.

אדאלף איז נאך א לאנגע צייט געווען טעטיק מיט זיין גרופע און דורכגעפירט שיינע אקציעס, ביז... די געשטאפא האט געלייגט איר בלוטיקע האנט אויף דער גרופע.

ס'איז איבעריק דא צוצוגעבן, אז אונזער אדאלף האט איבערגעטראגן אלע סאדיסטישע פייניקונגען פון דער געשטאפא און נישט גערעדט קיין ווארט. ער האט זיין פארטיזאנער־שוווע נישט גע־

בראכן. ער איז געווען ווידערשטאנד־פעיק אין קאמף און אויך אין די בלוטיקע נעגל פון די נאצי־פארברעכער.

אדאלף האט נאך זיך איבערגעלאזט א פרוי, אונזער פריינדין רוזשע, וועלכע האט אים פיל יארן געטריי באגלייט אין זיין לעבן און קאמף. ספעציעל האט זי אינטענסיוו מיטגעלעבט און נאכגעפאלגט די לעצטע יארן פון זיין פארטיזאנער־לעבן.

די צוקונפטיקע געשיכטע־שרייבער פון דער פארטיזאנער־באוועגונג ביכלאל, וועלן נישט קענען דורכגיין גלייכגילטיק איבערן לעבן פון דער פרוי פון פארטיזאנער. די פרוי, וועלכע האט מיטגעגעבן איר מאן א בראכע אין וועג און מיט הארצקלאפעניש אפגעווארט זיין צוריקער פון דער „ארבעט“...

מאַשקע ראָזענצווייג

פון אַ באַזונדערן ווערט זענען געווען מאַשקעס אייגנשאַפטן. ער האָט זיך געפונען צווישן זיינע ביידע קאַמפּס־כאַווירים און ער האָט צוגעזאָגט צו ווערן דער סינטעז פון ביידע.

און אַדאָלפן איז ער ענלעך געווען מיט זיין פּראָלעטאַרישער אָפּשטאַמונג, מיט זיין אַרבעטער־פאַרגאַנגענהייט. צו סאַמען האָט ער זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן מיט זיין קולטור, וועלכע ער האָט מיט זיינע אייגענע מיטלען דעראָבערט.

מאַשקעס קאַמפּס־גייסט האָט זיך פאָרמירט אין דער סוויווע פון זיין פאַמיליע. ער האָט דעם דאָזיקן גייסט געיאַרשנט פון זיינע עלטערע שוועסטער און ברידער. מאַשקע איז דערצויגן און רייף געוואָרן אין אַ פּראָגרעסיווער אַרבעטער־אַטמאָספער. זיין היים איז נישט בלויז געווען אַ היים פאַר אים, נאָר אויך פאַר אַנדערע. פיל כאַווירים און אַרבעטער־טוער האָבן ביי מאַשקען אין שטוב געפונען זייער היים. מאַשקעס מוטער, ווי עס דערציילן אַ טייל נאָענטע כאַווירים און כאַווערטעס, קען מען פאַרגלייכן צו אַ „מוטער” פון מאַקסים גאָרקי.

אַזעלכע שטובן זענען געווען נישט פיל. די דאָזיקע שטובן האָבן געשפּילט אַ זייער גרויסע ראָלע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן.

יעדעס לאַנד, אין פאַרשידענע צייטן, און ספּעציעל אין די צייטן פון אומלעגאַלן געזעלשאַפטלעכן לעבן האָט פאַרמאָגט אַזעלכע פּריוואַטע וווינונגען, ווו ביי אַ נאַפט־לעמפּל האָבן אויפגעלויכטן געדאַנקען און אידייען. די דאָזיקע פאַמיליעס האָבן אויף זייער שטייגער געגעבן זייער ביישטייער צום אַלגעמיינעם באַפרייונגס־קאַמף. זיי האָבן מיטגעמאַכט די לײדן און פריידן פון דער דאָזיקער באַוועגונג. איבער אָט די שטובן האָט זיך אַ נעפּל אויסגעשפּרייט,

מאשקע װאזשוויג
1920-1943.

ווען די היטלעריסטישע ארמייען האָבן זיך געריסן נאָך מאָסקווע, נאָך מאַברוק, נאָך קרים און עס האָט אויפגעלויכטן די זון און מ'האָט געטרונקען לעכאַים, ווען שטעט און לענדער זענען באַפרייט געוואָרן פון היטלעריסטישע שטיוול.

א גרויסן קאָרבן האָבן מאַשקעס עלטערן געגעבן אין דעם קריג. אַלע זייערע קינדער האָבן אָנטיילגענומען אין באַוואָפנטן פּאַרטיזאַנער־קאַמף. אַלע זייערע זין, טעכטער, שנור און איידעם.

ווי טיף עס זאָל נישט זיין דער צער פון אָט די עלטערן צוליבן גרויסן פאַרלוסט, דאַרפן זיי אָבער זיין שטאָלץ, דערציענדיק זייערע קינדער אין גייסט פון מענטשלעכער ווירדע און העראָיזם.

און מאַשקע האָט די דאָזיקע דערציונג דערהאַלטן.

צו 13 יאָר ציט ער צו צו זיך די אויפמערקזאַמקייט מיט זיין ערנסטן צוגאַנג צו אַקטועלע לעבנס־פראַגן. שפּילט שוין אַן אַקטיווע ראָל אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. אַדאַנק זיין אינטעליגענץ און אַקטיוון לעבעדיקן גייסט פאַרנעמט ער צו 18 יאָר אַן אָנפירנדיקן פּלאַץ אין דער פאַרייניקטער סאָציאַליסטישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

אין 1940־41 איז ער דער פירער פון דער יידישער סעקציע ביים אומלעגאַלן יוגנט־פאַרבאַנד. צו יענער צייט דריקט די יידישע יוגנט אויס איר האַס און צאָרן קעגן די יידישע וועסטל־פאַבריקאַנטן דורך אויסהאַקן די שויבן און אויפשרייבן „פּאַרעטער".

אונזער מאַשקע באַגנוגנט זיך אָבער נישט מיט דעם. אין אָנהויב 1942, נאָך אַ גאַנצע ריי באַמיונגען, ווערט ער ענדלעך באַפרייט פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע און באַקומט די דערלויבעניש זיך אָנצושליסן צו די פּאַרטיזאַנער.

ס'איז געווען ביי אים אַ טאָג פון גרעסטער פרייד, אַזוי ווי עס איז געווען ביי אַ ליבקען און אַסאַך אַנדערע, ווען זיי האָבן באַקומען פון זייערע אָרגאַניזאַציעס די דערלויבעניש צו גיין צו די פּאַרטיזאַנער. און פון דעמאָלט אָן הויבט זיך אָן אַ פרישן און נייעם לעבן פאַר מאַשקען. נייע אויפגאַבן, נייע פּערספּעקטיוון.

ווען מאַשקען איז נישט בלויז צו זאָגן, אַז ער איז געווען אויף דער הויך פון זיינע אויפגאַבן. מאַשקע האָט צוגעזאָגט צו זוערן דער פאַרפולקאָמסטער קעמפער מיט אַ גרויסער צוקונפט פאַר זיך. ער האָט זיין גאַנצן יוגנט־פלאַם אַריינגעלייגט אין דעם דאָזיקן קאַמף. באַזונדערס גרויס איז געווען די קאָרבאַנעספולקייט פון דער יידישער יוגנט אין די פאַרטיזאַנער־רייען.

עס איז נישט דאָ דער פּלאַץ, אין די שמאָלע ראַמען פון אַן אָנדענק־בראָשור זיך אָפּצושטעלן ברייטער אויף דעם קאַמף־גייסט און כאַראַקטער־שטריכן פון דער יידישער פאַרטיזאַנער־יוגנט. ווי יוגנט בכלל האָבן זיי געהאַט בייצושטיין געוויסע שוועריקייטן.

די איינגעפלאַנצטע באַגריפן וועגן מאָראַ׳, הומאַניטאַריזם, עסטעטיק א.אַ.וו. האָבן געהאַט איר ווירקונג אויף דער יוגנט אין זייער פאַרטיזאַנער־לעבן. עס איז ווערט צו ברענגען איין עפּיזאָד נאָר, וואָס קען וואַרפן אַ קליין ליכט אויף די אַלגעמיינע פאַרהעלטענישן, וועלכע האָבן באַגלייט דעם פאַרטיזאַנער־קאַמף.

אַזוי, דערציילט אונז אַ יוגנטלעכער פאַרטיזאַנער־קאָמענדאַנט, ווי איין מאָל איז אים מיט זיין גרופּע אויסגעקומען זיך אַריינצוקריגן אין דער וווינונג פון אַ 19־יעריקער געשטאַפּאָ־אַגענטן. דאָס מיידל האָט זיך פונקט געפונען אין באָד־צימער. פאַרשטענדלעך, מ׳האָט נישט געטאָרט וואַרטן קיין איין מינוט און זיך אַריינקריגן שנעל אין באָד־צימער. ווען איך בין דאָרט אַריין — דערציילט אונז דער יידישער יוגנטלעכער פּאַ. — איז פאַר מיר געשטאַנען אַ מיידל, מער־ווייניק אין מיינע יאָרן, און צום שלים־מאַזל אַ שיינע. דאָס ערשטע מאָל האָב איך געפילט אַן אינערלעכן וואַקל. פאַרשטענדלעך, עס האָט איר גאָרנישט געהאָלפן. מיין קאַמף־לאָגיק האָט געזיגט און איך האָב איר ליקווידירט... מ׳איז נישט מער ווי אַ מענטש... — האָט ער זיין דערציילונג פאַרענדיקט. יאָ, מ׳ווערט פאַרט נישט געבוירן מיט אַ רעוואָלווער אין איין האַנט און מיט אַ דינאַמיט־פּושקע אין דער צווייטער...

אויף די און ענלעכע עפּיזאָדן איז זיך אויסגעקומען אָנצוטרעפן. עס האָט זיך געפאָדערט פון דער יוגנט פאַראַנטוואָרטלעכקייט און

ערנסטקייט. איצט, נאָך די אַלע איבערלעבענישן, קענען מיר דרייסט זאָגן: אונזער יוגנט האָט זיך דערהויבן זייער הויך. מיר דאַרפֿן מיט איר זײַן ספּעציעל שטאָלץ. די יידישע געזעלשאַפֿט איז שול־דיק דער דאָזיקער יוגנט אַ ספּעציעל-גרויסן כבוד.

די לעבן-געבליבענע יידישע פּאַרטיזאַנער־יוגנט דאַרף געפֿינען אַ ספּעציעלע זאָרג און ליבע ביי דער יידישער געזעלשאַפֿט.

פֿון אָטאָ די יוגנט איז מאָשקע געווען דער געטרייער פֿאַרשטייער, אַזוי ווי מ'קען נישט רעדן וועגן אַ ווייכמאַן נישט דערמאָנענ־דיק מאָשקען, אָדער סאַם, אַזוי קען מען נישט רעדן וועגן מאָש־קען, נישט דערמאָנענדיק זיינע צוויי קאַמף־כאַווירים: ווייכמאַן צי סאַם. טראָץ דער פֿאַרשידנאַרטיקייט פֿון זייערע כאַראַקטערן, קולטור און עלטער, האָט זיי דער קאַמף צונויפֿגעשמידט, שאַפֿנדיק פֿון זיי אַ פּאַרטיזאַנער גרופּע פֿון אַ הויכער ווערט.

צוגעבנדיק צו דער פּראַקטיק פֿון אַ ווייכמאַן און טעאָריע פֿון אַ פּאַטאַשניק דעם יוגנטלעכן ענטוזיאַזם און גייסט פֿון אַ מאָשקע, האָבן מיר דערהאַלטן אַזוי אַרום אַ פּערפֿעקציאָנירטע קאַמף-גרופּע.

די דאָזיקע גרופּע איז אומצעררייסבאַר געווען אין קאַמף און אַלס אומצעררייסבאַרע איז זי געגאַנגען צום טויט.

*
**

אומגעהויער גרויס זײַנען אונזערע קאָרבאָנעס געווען. אָבער נישט אומזיסט. אויב דער יידישער יישעוו קען היינט אַרויסגיין מיט אַן אויפֿגעהויבענעם קאָפּ און מאָנען זײַנע רעכט, איז דאָס אַדאַנק די דאָזיקע קאָרבאָנעס, איז דאָס אַדאַנק די, וועלכע האָבן די ווירדע אין שטאָלץ פֿון יידישן פֿאָלק פֿאַרטיידיקט מיט זייער אייגן לעבן.

און אומשעצבאַרע לעבנס זענען דאָס געווען פֿאַר אונז. דאָס זענען געווען נישט בלויז פּאַרטיזאַנער. זיי זענען אויך געווען פֿון די יידן, וועלכע האָבן געהאַט די גרעסטע פֿאַרשטענדעניש פֿאַר דער קולטור און זאָרגן פֿון זייער פֿאָלק.

ווי גרויס עס זאָל נישט זײַן דער צופֿלוס אויף זייערע פּלעצער, וועלן מיר איצט אין דעם צוריק־אויפֿבוי פֿון כאָרעוו-געוואָרענעם

יידישן לעבן, וואָס אַמאָל מער פון דעם דאָזיקן בלויז. די דריי ברידער אונזערע, וועמענס אָנדענק מירווידמען דאָ, ווי אויך די וואָלאָדעקס א.אַנד. זענען נישט אַזוי שנעל פאַרטרעטבאַר. אַזעלכע וואַקסן נישט אַרויס אין דער גענעלשאַפט איבער נאַכט.

דער יידישער יישוב, באַערנדיק דעם דאָזיקן טייערן פאַרלוסט, וועט ווענטפערן מיט פעסטער זאַמלען און קאָנצענטרירן זיינע קוי־כעס אַרום אַט די פרייהייט־אידעאַלן, פאַר וועלכע עס זענען געפאַלן זיינע בעסטע זין.